# אין הייסן אָטעם

**וועגן בוך פון ח. ל. פוקס „לאָדזש של מעלה", י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל אביב, 1972.**

פון ישראל עמיאט

חיים לייב פוקס איז דער פלאָם־פייער אין דער אידישער ליטעראַטור. זיין שרייבערישער טעמפעראַמענט איז אַ קאָכעדיגע לאַווע. די דאָזיגע פייערדיגע פאַטענץ שטראָמט אָפּט אַריבער די ראָמען פון זיין ליד, פון זיין דערציילונג, צי פון זיין עסיי. ער האָט אָפּגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט אין „לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור" אויסזוכנדיג דעם מינדסטען שרייבערישן נאָמען. דערצו האָט אים געהאָלפען סיי זיין אויסערגעוויינטליכער זכרון סיי זיין אינטענסיווע פאָרשערישע אַרבעט.

„לאָדזש של מעלה" איז זעהר אַ וויכטיגע אַרבעט. דאָ האָט פוקס זיך ניט געפילט געבונדן מיט אַ רעדאַקטאָר'ס „איזמל של ביקורת" (מעסער פון קריטיק) און געשריבן מיט זיין ברענענדיגען סטיל. טיילמאָל ניט געשליפען, אָבער דאָס איז זיין סטיל. איך ווייס ניט צי עס איז פאַראַן נאָך איינער וואָס זאָל אַזוי קענען לאָדזש ווי פוקס. פוקס קען בפירוש זאָגען אויף זיך „לאָדזש דאָס בין איך". איך האָב אַ סך געלייענט וועגען לאָדזש, און דאָך באַוואונדערט די מי און פאָרשונג אַרבעט ביים צונויפברענגען 2000 נעמען (און צווישען זיי אַזעלכע, וואָס איך הער פון זיי דאָס ערשטע מאָל) פון דער שרייבערישער, טעאַטראַלער, קינסטלערישער וועלט.

פוקס האָט אַ הויפּט־מעלה: ער איז זעהר אָביעקטיוו. פאַר זיין לעקסיקאָגראַפיע איז דאָס זעלבע וויכטיג פון עקסטרעם רעכטס ביז עקסטרעם לינקס. פאַראַן וואונדערבאַרע קאַפּיטלען וועגען דער געשיכטע פון דער פרעסע אין לאָדזש, פיינע אַנאַליזען פון אויגער, לאַזאַר קאַהאַן, פון אַזעלכע אומבאַקאַנטע שרייבער ווי יאַנקל לערער, וועגען מרים אולינאָווער. אַ נייער אָריגינעלער קאַפּיטל וועגען לאָדזשער בדחנים (אגב האָט פוקס אין די פריע צוואַנציקער יאָרען אָפּגעדרוקט אַ ליד אין גראַפמאַנ'ס „אילוסטרירטע וואָך" „צום בדחן" מיט וועלכען ער האָט מיך, ווי מ'זאָגט, געקויפט). אַן אויסערגעוויינליך אָריגינעלע שילדערונג וועגען קדוש און פאָעט פון חורבן יצחק קאַצענעלסאָן און זיין אויסווירקונג.

נאָר אַז מען שרייבט מיט אַ פייערדיגען אָטעם לעקסיקאָגראַפיע טרעפט, אַז אַ מינדערוואערטיגער מחבר באַקומט אַזוי פיל פלאַץ ווי אַ זייל אין דער ליטעראַטור. דאָס געשטאַלט פון דוד פרישמאַן איז בלאַס. אין זיין צייט איז ער דאָך געווען דער גרעסטער העברעאישער קריטיקער און וואונדערלעכסטער איבערזעצער. ער האָט זיינער צייט געפירט אַ ניט גערעכטען קאַמף געגען פרצ'ן (ווען פרץ האָט אַרויסגעגעבן זיין ביכל העברעאישע לידער). זיינע ביבלישע דערציילונגען זיינען נאָך היינט אַ מוסטער פון סטיל. וועגען דעם אַלץ איז אָבער אַ וואָרט נ י ט אַ. שרייבענדיג וועגן מרים אולינאָווער דערמאָנט, אגב, פוקס ניט, אַז צו איר „באָבעס אוצר" האָט געשריבן אַ באַגייסטערטן אַריינפיר אין אידיש דוד פרישמאַן.

כ'האָב שוין געשריבן און אָפּגעמערקט, אַז פוקס איז זעהר אָביעקטיוו. אין גוט האָט ער געטאָן, וואָס ער האָט געווידמעט אַ גאַנצען קאַפּיטל דער אָרטאָדאָקסישער פרעסע. איך האָב אַליין פיל מיטגעאַרבעט אין דער דאָזיגער פרעסע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין'ם פיינעם ליטעראַרישן זשורנאַל „בית יעקב" האָב איך חודשליך געשריבן מיינע דערציילונגען, לידער און איבערזעצט פון העברעאיש מנחם עקשטיינ'ס „תנאי הנפש להשגת החסידות" מיט אַ ספּעציעלער הקדמה צו דער אידישער איבערזעצונג פון מחבר. כ'האָב אויך געשריבן קינדערלידער אין „קינדער־גאָרטן". איך האָב אַ שטיק צייט רעדאַגירט די ליטעראַרישע ביילאַגע פון דער „אידישער אַרבעטער שטימע" פון די „פועלים".

און אָט אַ פּאָר באַמערקונגען:

נטע ירוחם בעהלינער איז ניט געווען קיין טעאָרעטיקער. ער איז בלויז געווען דער שיינגייסט פון דער אָרטאָדאָקסיע. זעהר אַ געלערנטער מענטש און זעהר אַ באַלייענטער. ער איז געווען אַ נאָענטער חבר פונ'ם גרויסען תלמיד חכם ר' דוד מינצבערג, דער שפּעטערדיגער משגיח פון ישיבת חכמי לובלין. נטע בעהלינער איז עס געווען דער, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט יונגע טאַלאַנטן, מיט שמואל נאַדלער'ן פון גלינע און מיט מיר. האַרט פאַר דער מלחמה האָט געזאָלט דערשיינען אַ באַנד מיינע קינדערלידער אונטער זיין רעדאַקציע, מיט אַ הקדמה פון פּראָפ. שלמה בירנבוים. נטע האָט, אגב, צום 60סטען יובל פון דר. נתן בירנבוים אַרויסגעגעבן אַ בוך אים געווידמעט.

בנימין מינץ האָט שטענדיג געהערט צו די „פועלים" און ניט צו די „צעירים". דער רעדאַקטאָר פון די „אָרטאָדאָקסישע יוגענט בלעטער" (דער אָרגאַן פון די צעירי אגודת ישראל) איז געווען אברהם מאיר קראַנגאַרד.

פוקס אָפּשאַצונג וועגען זו. לייכטער איז ראַיעל. אַ שאָד וואָס ער דערמאָנט ניט דעם פאַקט אַז לייכטער האָט געוואָלט איבערפלאַנצען דעם פוטוריזם ביי דער אָרטאָדאָקסיע און באַוועגט דעם באַרימטען עסקן און רעדאַקטאָר פון „דגלנו", אַלעקסאַנדער זישא פרידמאַן, צו שרייבען אַ פאָלעמיש אַרטיקעל „הפוטוריסטים שלנו" (אונזערע פוטוריסטען).

לאַנדענבערג איז קיינמאָל ניט געוואָרען דער רעדאַקטאָר פון „אידישן טאָגעבלאַט". דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון „אידישן טאָגבלאַט" איז געווען דוד פלינקער.

יחיאל פיינער האָט נאָר זעהר אַ קורצע צייט מיטגעאַרבעט אין די אָרטאָדאָקסישע זשורנאַלען. „22" (טריאַלעטן) איז דערשינען אין אַ נישט־אָרטאָדאָקסישן פאַרלאַג.

אַ שאָד וואָס דער לאָקאַל פאַטריאָטיזם פון דעם לעקסיקאָגראַף, צו האַלטען זיך נאָר ביי די וואָס האָבען דירעקט געאַרבעט אין לאָדזש און אין די שטעטלעך אַרום, האָבען אים באַוואויגען אַזוי ווייניג צו רעדן וועגען אמת'ן אידעאָלאָג פון רעליגיעזן אידענטום, שטענדיגען מיטאַרבעטער פון „בית יעקב" לייבל אָרלעאַן, אַן אָריגינעלער דענקער.

טראָץ די קליינע באַמערקונגען איז חיים לייב פוקס'עס „ירושלים של מעלה" איינע פון די סאַמע וויכטיגע ביכער וואָס מיר איז איז אויסגעקומען לעצטענס צו לייענען.

דאָס ליד זיינס, ביים סוף פון בוך „חורבן לאָדזש" איז זעהר רירענדיג און פלאַמיג אָנגעשריבען, געשריבען אין הייסן אָטעם.